Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

HAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראשען הײנט 8 זײטען.

# נײַער פאָלקסבלאַט

| Nr. 276 | Łódź, Czwartek 28 listopada 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז דאנערשטאג, כה מרחשון תר״צ | № 276 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# מוראדיגע בוי=קאטאסטראפע אין לאדז

## איינגעפאלען א ניי=געבויט 4=שטאקיג הויז

(2) נעכטען ארום 2 א זייגער בייטאג האט א שרעקליכער קנאל אויפגעטרייסעלט די גאנצע געגענד ארום ושעראמסקי, גראנסקא, זיעלאנא, ואמענהאף און קאנטנא גאסען.

די איבערגעשראקענע פערבייגעהער זענען זיך צולאפען און א פאנישען שרעק, נישט וויסענדיג פון וואנעט דער הילכיגער קנאל קומט. אין עטליכע מינוט ארום איז בעוואוסט געווארען, או עס איז פארגעקומען

### א בוי=קאטאסטראפע

אויף ושעראמסקא 65. א פיר־שטאקיגע געבײדע איז אינגאנצען איינגעפאלען.

אויפ׳ן ארט פון דער קאטאסטראפע זענען באלד אנגעקומען פאליציי, וועלכע האט דעם איינגעפאלענעם בנין ארומגעצוימט און נישט דערלאזט דעם עולם נאהענט צו דעם ארט פון דער קאטאסטראפע.

וועגען דער קאטאסטראפע דערוויסען מיר זיך פאלגענדע פרטים:

דעם בנין האט געבויט דער אינהאבער פונ׳ם פלאץ אויף ושעראמסקא 65, יצחק זערוואלימסקי. מיט די ארבייטען האט אנגעפיהרט און דעם פלאן האט אויסגעפיהרט דער אינזשעניר אנטאני בענאל קילינסקי 80. אלס מייסטער איז ביי דער בוי נעווען בעשעפטיגט קאושמיערזש נאוויצקי (פאמארסקא 10).

די ארבייטען זענען געפיהרט געווארען אין א זעהר אינטענסיווען טעמפא. און

### אין משך פון 5 וואכען איז דאס הויז אויסערליך געווען פערטיג

און איז בעשטאנען פון א 4־שטאקיגען הויז מיט צוויי צובויאונגען פון דער רעכטער און לינקער זייט. דאס הויז האט געדארפט נאך אויסגעפערטיגט ווערען פון אינעווייניג און אין 1930 אפגעגעבען ווערען צום וואוינען.

עהערגעכטען איז אויפ׳ן ארט געווען די בוי־אינספעקציע פונ׳ם מאגיסטראט און נאך א לוסטראציע האט

### די קאמיסיע געפונען, אז אלץ אין בעסטען ארדנונג

צוליב דעם האט דער בעל־הבית פון הויז בעפריים נעכטען 12 א זייגער בייטאג אלע ארבייטער, עס זענען געבליבען נאר אויסצופערטיגען נאך איינינע קלייניגקייטען דורך די מויערער סטאניסלאוו יוזשוויאק, זיין זוהן וואצלאוו און וואצלאוו קאזמיערטשיק. א דאנק דעם, האט די קאטאסטראפע נישט מיטגעבראכט קיין מענשליכע קרבנות און עס האט זיך געענדיגט מיט לייכטע וואונדען, וועלכע עס האט בעקומען וואצלאוו יוזשוויאק.

ארום 2 א זייגער בייטאג זענען די ארבייטער סטאניסלאוו יוזשוויאק און וואצלאוו קאזמיערטשאק געווען בעשעפטיגט אין פארטער פון הויז, וואו זיי האבען פערענדיגט דאס אויסהאקען די פענסטער אין דער צייט האט וואצלאוו יוזשוויאק געארבייט אויפ׳ן ערשטען שטאק. פלוצים האט דער עלטערער יוזשוויאק אויפגעהערט ארבייטען און אנגעהויבען זיך צוצוהערען, זיין נעניט אויער האט געכאפט עפעס

### א פערדעכטיגען שארך

דער שארך האט דערמאהנט דעם געדויש פון שטיינער, וואס שיטען זיך פון א בארג און איז געווארען דאס אמאל שטארקער. פארפיהלענדיג עפעם אנ׳אומגליק, האט יוזשוויאק תויך אויסגעשריגען צום זוהן:...

### וואצוש ראטעווע זיך. וואס גיכער

און אליין מיט קאושימיערטשאק׳ן שנעל ארויסגעלאפען פון הויז.

דער יונגערמאן, יוזשוויאק, האט דערהערענדיג, דעם פאטערס רוף, נישט לאנג געטראכט און

### ארויסגעשפרינגען פונ׳ם פענסטער פון ערשטען שטאק

אבער אזוי אומגליקליך, אז ער האט זיך אויסגעלענקט א פוס. דער פאטער און קאושמיערטשאק האבען איהם באלד געכאפט און אוועקגעשלעפט ווייטער פון דעם דראהענדען געפעהרליכען בנין. אין דעמזעלבען מאמענט, ווען די דריי זענען ארוים פונ׳ם הויז, איז

### דער בנין מיט א שרעקליכען קנאל איינגעפאלען

ווען דער וועפטער פונ׳ם הויף, אלארמירט פון דעם קנאל, איז ארוים און דערזעהען די קאטאסטראפע, האט ער געמיינט אז אין בנין זענען געבליבען די דריי ארבייטער, האט ער אלארמירט פאליציי, די פאנאטאוויע האט צום גליק נאר געהאט צו ערטיילען הילף דעם נעליטענעם ארבייטער יוזשוויאק.

עטוואס שפעטער זענען געקומען די פייערלעשער און איזאלירט דאס ארט פון דער קאטאסטראפע פון דער זייט פון דער גאס.

אין א צעהן מינוט ארום

### האט זיך דערהערט א צווייטער קנאל

און ווען עס איז זיך צונאנגען דער קורזש און שטויב האבען די צושויער דערזעהען א שרעקליך בילד: פונ׳ם גאנצען 4־שטאקיגען בנין איז געבליבען א חורבה. ביי ביידע זייטען זענען געבליבען שטעהען די צוויי גלייכע, הויכע פליגלען.

די קאטאסטראפע האט מיטגעצויגען מיט זיך, אבער נאך געשעהענישען פון דער זייט פון ליפאווע געפינט זיך ביים ארט פון דער קאטאסטראפע א צוויי שטאקיגער בנין, אין וועלכען עס געפינט זיך א שלאסער־ווארשטאט און א פאבריק פון בעקערייר מאשינען פון דער פירמע ארנער. בעת דער קאטאסטראפע, האבען א מאסע שטיינער און ציגעל פערשיט דאס פאבריקעל.

### צווישען די ארבייטער איז ענטשטאנען א שרעקליכע פאניק

די שטיינער האבען פערווארפען די ווארשטאטען, מאשינען, און אויך נעטראפען אין די ארבייטער, די ארבייטער זענען גלאפען, געשטיקט איינער דעם צווייטען, געבראכען אלץ, וואס עס איז זיי געשטאנען אויפ׳ן וועג בעת דער מהומה זענען פערוואונדעט געווארען עטליכע ארבייטער.

ווי מיר דערוויסען זיך, זאל די קאטאסטראפע האבען ענטשטאנען צוליב דעם, וואס די ווענט זענען געווען געבויט פון 1 ציגעל, אנשטאט די געזעצליכע 3—4 ציגעל, א חוץ דעם זאל מען האבען גענוצט זאמד פון פונדאמענטען.

*

דאס ארט פון דער קאטאסטראפע ווערט אפגעהיט פון פאליציי, וועלכע לאזט נישט צו נאהענט צום הויז, ווייל די צוויי פערבליבענע פליגעל דראהען יעדער מינוט איינצופאלען.

נאר ביז׳ן 17=טען דעצעמבער

א גרויסער אויספערקויף פון קאסמעטיק

שפאט ביליג 50 פראצענט ארטיקלען פון 15 ביז 30% ביליגער! שפאט ביליג

בעמערקונג: יעדער קויפער בעקומט GRATIS פערשידענע איבערראשונגען

S. BUCHWAJC, Piotrkowska 22 TELEFON 131-43

מיט אכטונג 1=טע קאנקורענץ=פערפומעריע אין לאדז

צוליב דעם טויט פון אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד

נ״ע

הרב אלכסנדר סענדער זצ״ל דישקין

בהרב ר׳ יצחק זצ״ל

דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער פאמיליע אונזער טיפסטען בייליד.

המקום ינחם אתכם בנחמות ציון וירושלים!

די פערוואלטונג פון „לינת הצדק״

